STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06825

DER VAYSER RAYTER

Naftoli Gross

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביכער פון דעמזעלבן מחבר:

פסאַלמען

לידער

דער ווייסער רייטער

גרייט צום דרוק:

אידן

מעשות

שיר־השירים

יעקבס חלום, פון ריכאַרד בער־האָפמאַן

קאַליל גיבראַנס מעשהלעך

מעשות פון טויזנט און איין נאַכט

נפתלי גראָס

דער ווייסער רייטער

פאַרלאַג „אַמעריקע"
ניו־יאָרק, 1925

Copyright by
NAFTOLI GROSS
New York, 1925.

דאָס ליד פון גייִן און קומען

וואונדערלעך

ווי וואונדערלעך, ווי וואונדערלעך דאָס איז געשען:
איך בין געזעסן אָפּן גאַנעק פאַרן הויז,
געקוקט, ווי קינדער דרייען זיך אין רינגען,
און זינגען, זינגען, ווי קליינע קינדער זינגען,
און נישט געזען,
ווי ס׳גייט דער טאָג, דער טאַנץ פאַר מיינע אויגן איבער —
ווי וואונדערלעך עס איז דער טאָג אין נאַכט אַריבער.

און ס׳קאָן נאָך זיין, עס וועט אַמאָל אַזוי געשען:
איך וועל ווי איצטער זיצן אָפּן גאַנעק פאַרן הויז,
און קוקן, ווי קינדער דרייען זיך אין רינגען,
און זינגען, זינגען, ווי קליינע קינדער זינגען,
און וועל נישט זען,
ווי ס׳גייט דער טאָג, דער טאַנץ פאַר מיינע אויגן איבער —
ווי ס׳גייט מיין לעבן אין אַן אַנדער וועלט אַריבער.

טונעלן

ווי דורך ליכטיקע טונעלן
שלייכן לייכט זיך מיינע טעג.
עס קאָן זיין, אַז ביז זיי וועלן
גרייכן צו אַ שוועל, אַ ברעג
אין די ליכטיקע טונעלן,
וועלן מיר נאָך טעג אויספעלן.

און — ווער ווייסט, ווער ווייסט, מיין ליבער,
אפשר בין איך לאַנג אַריבער
יעדע צאָל און אַלע שוועלן,
און עס וועלן מיינע טעג
אייביק שוין אַזוי אַוועק
דורך די ליכטיקע טונעלן.

צעגיין זיך

מיט איינמאָל איז זיי ביידן קלאָר געוואָרן,
אַז עפּעס וועט זיי באַלד אַף יאָרן שיידן;
זיי האָבן נישט געקענט מער קיין זאַך ריידן,
און ווי אַ וואונדר געצויגן האָט זיי ביידן
אַ נאָענטקייט נאָך פּיינער ווי נאָך פּאָרן,
און אַ געטרייקייט, וואָס איז לעבנס ווערט, —
וואָרן ליבערשט וואָלט דאָך איצט אַ גרוב אין דר'ערד
געווען פאַר ביידן איידער זיך צעשיידן.

ווי האַרציק, דאָך פּאַרהאַרטעוועט און שטייף,
און שטאַטלעך ווי די הויכקייט פון די קאָרידאָרן
איז איינער צו דעם צווייטן מיטאַמאָל געוואָרן.
ס'האָט יעדער נערוו געפּיבערט און געצונדן,
אי גאַנץ, אי אויסגעפּילט ווי רונדן — וואונדן,
וואָס זיינען פאַר דער צייט געוואָרן רייף.

און אַז עס האָבן די סיגנאַלן זיך דערהערט —
און דעמאָלט איז שוין אַלץ געווען פאַרפאַלן —
איז מיט דער שלאַנקייט ווי די שאַרף פון פייף,
האָט ער אַ פיר געגעבן מיט זיין שמאָלער האַנט
איבער איר פנים ווי אַרום אַ רונדן ראַנד —
און שטייף, דאָך פיין — ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרווישן
די אויסגעוויינטע נישן אונטער אירע אויגן,
און דורך די שפיצפינגער איר צער אין זיך איינזויגן
און מיטנעמען מיט זיך אין וועג צום ווייטן לאַנד.

איבערלעבעניש

אַ הרף־עין איז ער שטיין געבליבן
ווי דורך די פיסגעשטעלן אַף דער ערד
וואָלט ער וואָס וואונדערלעכס פון ווייט דערהערט.
און נאָכדעם האָט ער זיך אַ צי געגיבן
פאָרויס און אין דער הייך, זיך אויסגעצויגן,
און עפּעס טיף אין זיך אַזוי פאַרקלערט
ווי ער וואָלט זיך אַפּסניי באַנייט.
אַ זיסע וואַרעמקייט האָט אין זיין אינגעווייד
זיך אויסגערונדט און איז אַרויף ביז זיינע אויגן,
וואָס זיינען אים געוואָרן ווי אַ פיילנבויגן,
וואָס זעט פעסטן צילפּונקט אין דער ווייט.
און מיטאַמאָל האָט אַלץ זיך אָפּגעלאָזן
ווי פאַר אַ זומערדעגן יונגע גראָזן,
און ווי עס וואָלט די פייל אַרויסגעלאָפן
און אין באַשטימטן ציל געטראָפן.

די אויגנדעקלעך האָבן זיך אַראָפּגעבויגן
ווי זיי וואָלטן פֿאַר איימיצן געקניט
און לאַנג געקושט יענעמס זיסע טריט;
און נאָכדעם האָבן זיי זיך צוגעשלאָסן
ווי ס׳וואָלט אַ ליכטיקייט זיך אויסגעגאָסן
און איבער זיי געקומען,
און ווי זיי וואָלטן וואָס אַרומגענומען
און לאַנגזאַם פֿעסט אין זיך אַריינגעזויגן.

רעליקוויע

איצט בליט דער בלויער בעז פאַר די פּאַרקאַנען,
די לאַנען אָטעמען מיט פוילן היי און שטרוי,
מיט הנוי ; די וועלדער — מיט דעם פּעך פון טאַנען.

אַ פרישקייט ווייט פון אומעטום. די ערד איז רוי.
און זשליאָקעט דאָרשטיק פון די אופגעלאָפענע טייכן,
וואָס קייכן דורך די טאָלן ליימיק-געל און גרוי.

דער שניי פון באַרג הייבט הינטער זיך אָן ווייכן.
די ראַנדן ווערן בונטער. אַ געבוי נאָך אַ געבוי
פון אָוונטוואָלקן. פאַרבן מינען זיך און שלייכן.

כ׳שפּאַציר אַרום. דער ווינט טראָגט דורך דער בלוי
דעם דופט פון טעג, וואָס זיינען לאַנג פאַרגאַנגען —
און איך דערפיל דעם לייב-דופט פון מיין פרוי.

דער בלויער בעז איז איבער אונז געהאַנגען
און ווי אַף שטאַנגען שטענגלעך טרויבן זיך געוויגט,
די לופט איז ענג געווען מיט רונדן קלאַנגען.

ווי לאַנג דאָס איז אַוועק שוין און פאַרגאַנגען.

מיר איז איצט ווי דעם קינד פאַרנאַכט, וואָס האָט צעקריגט
זיך מיט די שפּיל־חברים. טיפע אויגן — טרויבן.
שטיל. אַף די שויבן ווערט דער לעצטער גלי דערשטיקט.

און ווי דעם קינד איז מיר, וואָס האָט זיך אופגעהויבן
אין קראַנקנבעט, און קוקט ווי דורך טומאַנען
צו דעם געשפּיל פון קינדער דרויסן דורך די שויבן.

דער בלויער בעז בליט ווי אַמאָל פאַר די פאַרקאַנען.

אַ חלום פון אַ פרילינגפאַרנאַכט

די לייכטע פרישקייט פון דעם פרילינגווינט,
די פוילע ערד, וואָס האָט ערשט אופגעגרינט,
די וואַרעמקייט, די פרישע ליכטיקייט,
זיי האָבן ביז דיין חורבה־שטוב פאַרווייט.
שפּאַצירסט אַרויס. ביסט דאָך אַ לעבנלאַנג
אין גאָרטן נישט געווען. און אַף דיין גאַנג
קוקסטו צו יעדער זאַך זיך צו. —
און אַלץ זעט אויס גלייך וואָלסט עס שוין געזען אַוואו,
כאָטש אַלץ איז יונג און ניי, אָט ערשט פון פעלד
און בוים אַרויסגעוואַקסן אַף דער וועלט,
און ווייט מיט אַזאַ פרישקייט איבעראַל.
אַזוי איז אויך דער זונענאונטערגאַנג.
סופּזומער אין די בערג ; דער וואַסערפאַל,
דער טייך, דער שטראָם, וואָס קומט און גייט זיין גאַנג

און בלייבט דערזועלבער אַלץ. און דו אין מיט
שפּאַצירסט זיך לאַנגזאַם אום. און ווערסטו מיד
פון גאַנג, זוכסטו אַ באַנק אויף ערגעצוואו
און אַ געמיטלעכער זעצסטו זיך צו;
שפּרייטסט אויס די הענט פון ברעג צו ברעג
און לייגסט זיי אַף דעם אָנלען פון דער באַנק אַוועק.
פאַרקוקסט זיך — דאָך, ווער ווייסט אַף וואָס, אַז וואָס
דו זעסט באַקומט אַן אַנדער פאַרב און מאָס...
די הייזער קעגן פּאַרק — אַ קינדערשפּיל
פון קעסטעלעך פון יעדער פאַרב און גרויס.
און דו — אַ קינד, אַ גאָט — דו שפּילסט דיין שפּיל:
באַפעלסט — אַ בליק — ס׳געשעט: מען בויט דיר אויס
אַ טורעם — אַף דער וועלט איז נישט געווען
נאָך אַזאַ ווערק. מען קומט פון וויט אים זען. —
באַוואונדערט מען און אַלע רימען דיך,
ס׳אַ וואונדערווערק דו האָסט באַשאַפן זיך.
געפעלט דיר אָבער ניט. צי דאַרפסטו דען,
אַז יעדערער זאָל קומען ס׳ווערק דיינס זען
און גרויסן דיך און לויבן דיך דערפאַר,
און זינגען לויבלידער ווי צו אַ האַר? —
באַפעלסט אַפסניי — אַ בליק — ס׳געשעט:
מען רייסט דעם טורעם איין, און אַלץ פאַרוויט,

ווערט נישט. און ס'איז מער גאָרנישט ניט צו זען,
גלייך ס'וואָלט קיין טורעם קיינמאָל נישט געווען,
נאָר קעסטעלעך, ווי פון אַ קינדערשפּיל,
צעוואָרפן דאָ און דאָרטן אָן אַ ציל;
נאָר קעסטעלעך פון יעדער פאַרב און מאָס,
מיט געלע פענסטערלעך פון ריינעם גלאָז,
מיט טירעלעך, וואָס שלינגען מענשלעך איין
און שפּייען זיי צוריק אין גאַס אַריין.
און דו — אַ קינד, אַ גאָט — דו שפּילסט דיין שפּיל, —
געפעלט דיר אָבער נישט, אַזאַ מין שפּיל...
וואָס טויג דיר טאַקע קעסטעלעך, צו וואָס,
מיט געלע פענסטערלעך פון ריינעם גלאָז,
מיט טירעלעך, וואָס שלינגען מענשלעך איין
און שפּייען זיי צוריק אין גאַס אַריין?
צי וואָלט דען גלייכער נישט געווען, עס זאָל
בלויז בונטער גאָרטן זיין מיט באַרג און טאָל?
אַז יעדער באַרג זאָל קוועלן קוואַלן ריין,
דורך טאָלן זאָלן ברייטע טייכן גיין
באַוואַסערן די פעטע פלור און פעלד,
און דאַן פאַרפאַלן ווערן אין דער וועלט?
און ברויט פאַרפול, און רויטער וויין אין קרוג
זאָל זיין און זיין פאַר אַלעמען גענוג.

און דו — אַ קינד, אַ גאָט — דו קוועלסט און קוועלסט,
און אַלעס ווערט אַזוי ווי דו באַפעלסט.
און איצט איז אומעטום שוין, דאַכט זיך, גוט,
שפּאַצירסט אַרום, און זע — נאָר איין מינוט —
אַז ערשט — די מאַנעלעך און ווייבעלעך
אין בונטע קליידעלעך און הייבעלעך,
וואָס וואוינען אין די טאָלן, אַף די בערג,
אָט זיי געפעלט נאָך נישט אַזאַ מין ווערק...
צו אַלדי יאָר! — דו צי זיך ליבערשט אויס
אָט אַף דער באַנק, ווי לאַנג דו ביסט און גרויס,
און אָטעם מיט דעם אָטעם פון דער וועלט —
ביסט דאָך אַ לעבנלאַנג שוין נישט געווען אין פעלד.

וועגן

טייל וועגן גייען גלייך, גלייך אין דער לייננ, —
לענגאוים די ווייטע שטחים ווי אַ ווירע,
ווי פירער — אין דעם ציל פאַר זיך אַ בחירה —
טרעטן זיי נישט אָפּ אַף קיין אַרומיקע גענג.
זיי גייען שטאָלץ דורך פרעמדע ווייטע וועלטן,
לאָזן הינטער זיך שטעט, דערפער און געצעלטן,
און קומען לענגאוים צום ערשטן פונקט צוריק.

און אַנדערע — וואָס דרייען זיך קרומקיילעכיק
און רונדאַרום, און איינער אין דעם צווייטן,
אַרום אַלייען, גערטענער און בייטן,
זיי שלענגלען זיך ווי דאָס שלאַנגענליד פון פלייטן,
און קייטלען זיך ווי רינגען אין די קייטן,
באַגלייטן זיך און גייען זיך פאַנאַנדער,

זיי זוכן זיך און קומען ווידער מיטאַנאַנדער,
און גייען קיילעכיק און רונדאַרום צוריק.

פאַראַן אויך וועגן, וואָס נישט ווייט, נישט רונד,
און נישט פאַר שטאָלצע פירער און אַרמייען,
וואָס לאָקן נישט דורך גערטנער און אַלייען —
דאָס זיינען וועגן טיף אין זיך אַליין;
זיי פירן נישט אַוועק און קומען נישט צוגיין.
זיי קרייזן אַרום זיך און וואַקסן, ווערן,
זיי קרייזן ווי אַרום די אייגענע אַקסן שטערן,
און לייכטן אין זיך ווי בריליאַנטן־שטיינער,
וואָס וואַקסן נאָך אין דר'ערד און ס'ווייסט פון זיי נישט קיינער;
זיי זוכן זיך, ווילן אין זיך געפינען
דעם וועג צו יעדוויידן באַגינען,
און גייען אַזוי דורך זיך אַליין דאָס רוב
צו דער אומענדלעכקייט פון דעם אין־סוף.

די עלעגיע אַפן לעבן פון דעם קלוגן חוני

(א)

דער קלוגער חוני איז אַלט און איז קראַנק,
און פון פריינד און פון פאָלק פאַרלאָזן ;
ער הערט פאַר זיין הויז ניט קיין פריינדס טריט לאנג —
ער הערט נאָר די ווינטן בלאָזן.

פיל יאָרן איז חוני געוועזן אין דער פרעמד,
האָט חכמה געפאָרשט אין די ווייטן,
ביז זיין חכמה האָט ווייט אין די ווייטן געשמט,
און געבענטשט מיט אים האָבן זיך לייטן.

באַ די חיות אין וואַלד, באַ די קנאַפּערס אַף דר׳ערד,
האָט ער חכמה געפאָרשט אין זיין לעבן,
באַ די ביימער און בערג, באַ די גראָזן אַף דר׳ערד,
באַ די פייגל, וואָס צוויטשען און שוועבן.

איצט קומט מען פון ווייט זיין חכמה דערגיין,
מע קומט איבער ווייטן און שטרעקן :

— זע, חוני, מיר קומען, דיין חכמה אַליין
זאָל דעם אמת׳ן וועג אונדז אַנטפּלעקן.

און אַנדערע בעטן: — קום, חוני, מיט אונדז,
דו זאָלסט מיט דיין חכמה אונדז פירן;
דיין חכמה זאָל זיין ווי אַ קרוין איבער אונדז,
וואָס וועט אונדזער גרויסקייט באַצירן.

נאָר חוני זוכט נישט קיין כבוד פון לייט,
און ער מיידט אוים דעם רויש פון די מאַרקן;
ער ליידט נישט די רייכע, וואָס לעבן פאַרשייט,
דעם שוואַכנס פאַרשקלאַפט זיין פון שטאַרקן.

און חוני האָט ליב די ביימער, די בערג,
דאָס רוישן פון זיי און דאָס ריידן,
די ווינטן, די טייכן — גאָטס וואונדערווערק —
און ווי שווער איז מיט זיי זיך צו שיידן.

דאָך גייט ער אַוועק. דער וועג איז ווייט.
ווען די שטאָט לייכט אויף פאַר די אויגן —
אים גייען אַנטקעגן צען קלוגע לייט,
די ווייסע קעפּ געבויגן.

— — — — — — — — — — — — —

(ב *)

פאַרפירעריש און פאַלש איז דאָס ליכט פון דער שטאָט,
דאָס שטאָטישע געדויש קלינגט אָפּ אין חוני׳ס אויערן ווי די־
שפּראַך פון דור הפלגה.
גייט חוני ווי פאַרלוי־רן נאָך די גרויע לייט די קלוגע,
און פרעמד און שרעקעדיק איז אים זיין אייגן טראָט.

די פייערן פון שטאָט, ווי אָף מזבחות געצנדינערישע, ברענען,
און יעדער שרייט אַן אַנדער תורה אויס, ווי מען שרייט אויס
סחורות אין די קראָמען.
און כאָטש עס ווערט באַ יעדן וואָרט דערמאָנט דעם קלוגן
חוני׳ס נאָמען,
קאָן חוני דאָך זיין אייגן וואָרט, זיין אייגן אמת נישט דער־
קענען.

(דאָס ליד „ב" צו „די עלעגיע אַפן לעבן פון דעם קלוגן
חוני" האָט צוגעשריבן מיין פריינד ל. מילער. — נ. ג.)

שטייט חוני אויף און ווענדט אָפּ די רייד פון די לייט פון שטאָט.
שרייט איינער אויס : פֿאַלשער חוני ! יענער קלוגער חוני איז
שוין לאַנג געשטאָרבן.
און אַלע נעמען אין אַ ווילדן טאַנץ זיך דרייען, ווי געצנדינער
אַרום אַ קרבן,
און אַלץ, וואָס חוני זאָגט, ווערט פֿאַרלוירן אין אַ ים פון האַס
און שפּאָט.

ווי כוואַליעס פון אַ ים אַ שטורמדיקן, וואַשן בראָכוואַרג אויס,
אויף אַ ווייטן ברעג,
אַזוי ווערט חוני פון דעם פייערדיקן שטאָט־געפילדער ווייט
פֿאַרטראָגן,
און איינזאַם בלייבט ער, און הערט דורך טעג און נעכט די
ווינטן קלאָגן,
און וואַרט אַ רואיקער, אַ שטילער אויף דעם סוף פון זיינע טעג.

אייביקייט

ווער קאָן דעם סוד פון אייביקייט באַגרינדן ?
דער וויינרעב בליט אַ גאַנצן זומער אַף די ווענט,
ער ברוינט און גאָלדיקט זיך אין הערבסט און ווערט
פאַרלענדט ;
די פייגל בייטן זיך, זיי קומען און פאַרשווינדן,
די ווילדע גענז, זיי פליען אין אַ וואַרעמער לאַנד...
און טיפע שפורן ווערן ביסלעכווייז פאַרמעקט. —
מיין אייגענער פאָרטרעט אין צימער אַף דער וואַנט
ווערט אָפּגעבליאַקעוועט ; דער שפיגל ווערט געפלעקט.
און אויב איך בין נאָך יונג און שטאַרק אַצינד,
וועט באַלד זיך אָנרוקן אַף מיר די עלטער ווי אַ ווינט.
און — פון דער ראָזער פוילערוילע אַף מיין טיש
רוישט אייביק רוישעדיק אַרויס דער רויש פון ים.

די האַנט

פֿאַר די הויכע בערג אין מערב
נעמט דער טאָג זיך נייגן,
שטילע שאָטנס צום דעם מזרח
נעמען אַף זיין וועג זיך לייגן.

אַף די הויכע בערג אין מערב
שטרעקט ווער אויס אַ ווייטע האַנט,
נעמט די זון, דעם טאָג אַריבער
ערגעץ איבער יענעם ראַנד.

שטיל, נשמה מיינע, שטילער,
ס׳וועט אַמאָל אַן אָוונט קומען,
וועסטו אויך פֿון אָט דער האַנט
ווערן ערגעץ צוגענומען.

וואָס עס וועט פֿון אונז געמינערט

וואָס עס ווערט פֿון אונדז געמינערט,
וואו קומט עס אַהין, אַוואו ?
— וואָס עס ווערט פֿון אונדז געמינערט,
קומט ערגעץ אַנדערש צו.

דער שטערן, וואָס ווערט פֿאַרשוואונדן
און לעשט פֿאַר אונדז זיך אויס,
דער שטערן, ער ווערט נישט פֿאַרשוואונדן,
ער לייכט פֿאַר אַנדערע אויף.

און אונדזערע פֿריינד, וואָס גייען
פֿון אונדז ערגעצוואו אַוועק,
פֿאַרשווינדן נישט — מיר גייען
נאָך זיי דעמזעלבן וועג.

ס'ווערט קיין זאַך נישט געמינערט,
און קיין זאַך קומט נישט צו,
ווייל וואָס ס'ווערט דאָ געמינערט,
קומט ערגעץ אַנדערש צו.

אַזוי וועט זיין

איך ווייס: איך וועל שוין לאַנג נישט דאַרפן וואַרטן.
עס וועט אַן אָוונט קומען,
וועט ער אַ ליכטיקער, אַ שטילער
פאַר מיין אָנגעזיכט זיך ווייזן.

איך וועל גאָרנישט, גאָרנישט זאָגן,
שמייכלען נאָר און שווייגן;
קוקן, זען ווי ס'נעמען זיך פאַרבייטן
די שטיקערייִ און בילדער אַף די ווענט,
דער טיש, די בענקלעך,
דער שפיגל און דאָס ליכט.
די ווענט, זיי נעמען זיך צעגיין —
און ברייטער ווערט מיין צימער אויסגעברייטערט,
עס ווערט אַלץ העלער, לויטערער,
דער אָוונט נעמט זיך נייגן,
און אַ ליכטיקער, אַ שטילער
וואַרט איך —
וואַרט איך אַף זיין קומען.

די טויטע שטאָט

(געווידמעט דעם אָנדענקען פון מתתיהו בענסמאַן)

אַף אַן אינזל אין ווייטע יאַמען
ליגט טויט די טויטע שטאָט.
פעלקער און הונדערטער שטאַמען
קומען פון ווייט זיך צוזאַמען
צום אינזל פון דער שטאָט.

עס ווייען די נעפּלען פון יאַמען
שווער איבער דער טויטער שטאָט ;
און אינמיטן דער שטאָט, אין צאַמען,
געבויט פון פעלקער און שטאַמען,
שטייט גאָלדיק אַ גאָלדענער גאָט.

עס בוקן זיך פעלקער און שטאַמען
צום גאָלדענעם גאָט אין דער שטאָט ;
מע בוקט זיך, ביז פעלקער און שטאַמען
בלייבן טויט אין דער שטאָט אַף די יאַמען,
בלייבן טויט אַרום גאָלדענעם גאָט.

נאָר אַ שעה יעדן טאָג איז פֿאַראַנען
אַפּן אינזל אין דער שטאָט:
עס קלינגען אוף גלאָקן; און פֿלאַמען
פֿון טויזנטער ליכט גייען אוף
ווי פֿון יאַמען אַף יעדן טראָט.

עס לעבן אוף פֿעלקער און שטאַמען,
אַף די וועגן פֿון דער שטאָט,
און זוכן דעם וועג צו די יאַמען,
צוריק צו די לענדער און שטאַמען — —
ביז די ליכט גייען אויס אין דער שטאָט.

פאַרן שטורעם

אין די ביימער שרייען פייגל,
שווערע וואָלקן ציען ;
פאַרן שטורעם שרייען פייגל,
און די וואָלקן ציען.

שטיל, נשמה מיינע, שטילער,
זע דעם שטורעם קומען —
ער וועט שטיל אַזוי און ליכטיק
מיטן שטורעם קומען.

רעגן

באַנאַכט האָט אַ רעגן גערעגנט
אין דער אַרומיקער געגנט,
פאַרשטעלט פאַרן פענסטער די שטערן,
געלאָשן פאַרן הויז דעם לאַמטערן ;
גערעגנט אַזוי אַפן דאַך,
און אַף דעם וועכטער אַף וואַך.

דאָס ליד פון די אייביקע זוכער

(מיט פריינדשאַפט דוד איגנאַטאָוו'ן)

א.

די זון האָט זיך גענייגט אין ווייטן ים,
און האָט אין ים, אין אייגענעם שיין און פלאַם,
אין אייגן רויט און גאָלדנגאָלד אין מיט
זיך אויסגעלאָשן און געוואָרן ניט.
און נאָכדעם ערשט האָט זיך די בלויע הויך,
און איבערן ים דער דינער דאַמף און הויך —
דער אָטעם פון דעם ים — האַלב רונד און דין,
געביטן זיך אין רויז, אין בלוי און גרין;
און שטיקער לייכטע פלאַמען, ווייט און הויך,
זיי זיינען זיך צעגאַנגען אין אַ רויך.
ביז אַלע ווייטע פאַרבן זיינען ניט
געוואָרן אין אַ דינעם גרוי און בלוי —
אַ נאַכטקאָליר, וואָס איז נישט בלוי, נישט גרוי,
אַ נאַכטקאָליר, וואָס דערהייבט אַ שווער געמיט
און שטילט אַיין שטיל דאָס הייסע אומרובלוט,
און גיט דעם בלאָנזשעדיקן שיפער מוט,
דעם טרוימעדיקן טרוימער טרוים
אין ווייטן ים.

ב.

זיי זיינען די וועלט אויסגעפאָרן,
געציילט די לבנות און יאָרן,
געחלומט פון אוצר מיט געלט,
וואָס איז וואו פאַראַן אַף דער וועלט.

און זיינען זיי מידע געוואָרן —
גענומען זיך ציילן די יאָרן,
וואָס זיינען אַוועק אַפן ים —
געבענקט האָט זיך ווידער צום שטאָם.

דאַן פלעגט מיטאַמאָל אין די זייטן
דער אוצר אופלייכטן פון ווייטן,
די מעוועס פליען אָן מיט געשריי —
מע ציט אוף די זעגלען אַפסניי.

מע פאָרט אַזוי יאָרן און יאָרן,
די שיפער — שוין גרויע געוואָרן;
דער אוצר, ער לייכט ווי אַ פלאַם,
אָט דאָ און אָט דאָרט
אַף די כוואַליעס פון ים.

ג.

איצט האָבן זיי דעם אוצר אויסגעפונען.
דאָך וואָס, וואָס קאָנען זיי איצט מיט דעם אוצר טאָן ?
זיי זיצן שווייגנדיק אַ ראָדאַרום אין קאָן,
די פרייד האָט אופגעבלענדט און איז צערונען.

אַ טיפער צער שטאַרט אַרויס פון זייערע אויגן,
און יעדעס קנייטשל קנייטשט זיך טיפער אין געזיכט.
זיי זיינען יונג געווען, ווען ס׳האָט זיי פאַר די אויגן
דער אוצר אופגעלויכטן ווי אַן אַכצנפאַרביק ליכט.

זיי האָבן די טיף פון יאָמען אויסגעמאָסטן,
דער ווינט האָט זייערע יונגע פנימער צעברענט ;
איצט האָט אַ ווײַלע אַף אַן אינזל, אַ פאַרלאָזטן,
די לאַנגדערוואַרטע פרייד פאַר זיי געטאָן אַ בלענד.

עס ציטערן די בערד און ס׳ציען זיך די ברעמען.
זיי זיצן שטאַרנדיק אין קאָן אי שטום, אי קאַלט ; —
זיי האָבן נישט געוואוסט, זיי זיינען אַזוי אַלט —
פאַר װעמען װעט אַצינד דער אוצר זיין, פאַר וועמען ?

פרייהייטליד

נאָך דעמעל'ן

עס איז שוין אַזוי זינט מיר זיינען געבוירן:
עס בליען די בלומען פאַרביק און ווילד,
דאָך מיר אָבער בויען און מויערן
מיט אונזערע כחות און הענט
אַנטקעגן דעם ווינט און דעם שטורעם
פיל אַייזערנע ווענט.

און ווען מיר'ן זיין שוין געשטאָרבן —
די צייט זי פאַרדרינט און פאַרשווינדט —
דאַן וועלן די בלומען נאָך בליען
אַזויווי זיי בליען אַצינד;
דאָך איבער די ווענט, וואָס מיר בויען,
מיט אונזערע הענט, וואָס מיר בויען,
וועט לאַכן דער ווינט...

קראַנקע קינדער

זיי זיינען פאַר די פענסטער,
באַטאָג אי קראַנק, אי מיד,
געשטאַנען אין די בעטלעך,
געשטאַנען און געקניט.
געקוקט, ווי פאַר די פענסטער
דער ווייסער ווינט פאַרציט
מיט פלינקע, ווייכע שנייען
די גייערס טיפע טריט.

באַנאַכט, ווען אַלע זיינען
געשלאָפן טיף און מיד —
געבראַכט האָט זיי די שוועסטער
מיט זינגעוודיקע טריט
אי מענטעלעך, אי מיצלעך,
אי גליטשערס — בליציקבליץ;
האָט אָנגעטון זיי אַלע
און אָפּגעפירט צום גליטש.

אין פאַרכּישופטן קרייז

(מיט פריינטשאַפט ה. לייוויק'ן)

א.

ברייטע פלאַכן, ווייך און בלייך,
פליען, פאַלן פון דער הייך
אַף די דעכער, אַף דער ערד,
און אַף מיינע ווייסע פערד.

פליען מיינע ווייסע פערד
וואו עס איז אונדז נאָר באַשערט;
פליען דאָ און פליען דאָרט —
דרייען זיך אינזעלבן אָרט.

היי, איר פערד, איר גוטע מיין,
אין די פלאַכן, אין דעם שיין,
אַ מכשף, גרייז און ווייס,
האָט פאַרכּישופט אונדז אין קרייז.

ב.

איינער דרייט זיך אַרום זיך,
און אַ צווייטער רייזט און שפּרייזט;
יעדער דרייט זיך אין דעם קרייז
וואו מע האָט אים אַיינגעקרייזט.

דרייען מיר זיך יונג און אַלט
דאָ און דאָרט און אומעטום —
דער, וואָס האָט דעם קרייז געקרייזט,
פירט אַזוי אין קרייז אונדז אום.

יעדער זוכט אַ וועג אַרוים —
פון דעם אינגל ביז צום גרייז.
ביז אָט דער, וואָס האָט געקרייזט,
לייזט אונדז אַלע אויס פון קרייז.

בריקן

בריקן איבער טייכן
גלייכן דעם בונט פון קעניגרייכן:
טראָגן אַף זייערע הייכן,
וועגן, וועגענער און ווייטן,
ציען זיך צו די זייטן
אַן אָנהאַלט צו דערגרייכן;
טראָגן אַף זייערע הייכן,
וואָס דערהייבן זיך הויך און רונד,
קעניגן און שייכן
איבערן טיפסטן גרונט.

נייאָרק

(מיין ליבן ל. מילער)

אַן אינזל אַף צענדליקער מײַלן,
אַ פּאַלאַץ פון ברעג ביז צו ברעג.
דער פּאַלאַץ האָט טויזנטער זײַלן,
די זײַלן אין הונדערטער צײַלן,
זיי שטייען פון ברעג ביז צו ברעג.

אַ וואַסער — אַ פאַרביקער שפּיגל,
שנײַדט דורך דעם פּאַלאַץ אין מיט,
און בריקן ווי בראָנזענע פליגל
אַריבער דעם וואַסער, דעם שפּיגל —
זיי זײַנען צום פּאַלאַץ געשמידט.

דאָס וואַסער טראָגט ליכטיקע שיפן,
די בריקן — אַלייען מיט ליכט ;
דער באָרטן האָט פאַרביקע ריפן,
און ס׳שפּיגלען זיך אָפּ אין די טיפן
די שיפן, די ריפן, די ליכט.

געבויט האָבן דורות דעם פּאַלאַץ,
געבויט און געשאָלטן דערבײַ;
געשאָלטן, געבויט ביז די בלויען,
געבויט און געשאָלטן דאָס בויען,
דאָך קיינמאָל אַוועק פון געבײַ.

באַטאָג איז דער פּאַלאַץ פאַרהוילן,
אַ געשפּענסט אין אַ פאַרביקער פעל.
די טורעמס פאַרמעקט פון די הויכן,
קופּאָלן צעשוואומען ווי רויכן
אין נעפּלען פון גרוי און פון געל.

און קומט נאָר דער אָוונט אַרונטער,
אַ העלקייט לייכט אויף אומעטום;
די העלקייט ווערט וואָסאַמאָל בונטער,
אַף וועגן באַוועגן זיך מונטער
פאַרכישופטע בויער אַרום.

די זיילן, ווי ליכטיקע וועגן,
זיי צינדן זיך אָן אין דער נאַכט;
און ליכט ווי אַ פאַרביקער רעגן
נעמט פאַלן אַף די, וואָס באַוועגן
פאַרכישופטע זיך אין דער נאַכט.

מע דרייט זיך אַף טויזנטער ערטער,
מע דרייט זיך אַהער און אַהין ;
פֿאַרכישופֿטע שמייכלען און ווערטער,
פֿאַרכישופֿטע שטעגן און ערטער —
מע ווייסט נישט פֿונוואַנען, וואוהין...

געבויט האָבן דורות דעם פּאַלאַץ,
געבויט און געשאָלטן דערביי.
זינט דעמאָלט שוין דורות פֿאַרשוואונדן,
דאָך ווערט נאָר דער פּאַלאַץ געצונדן,
לעבן אויף יענע דורות אַפֿסניי.

קעניגרייכן

א.

דער ווייסער וואָלקן איבער דער הויך פון באַרג
ליגט אויסגעגאָסן ווי אַ טייך.
און איבער דעם טייך שווימען שיפן ווי בערג,
זיי גייען צו אַן אַנדער רייך.

מיר זיצן באַם ברעג. איבער אונדז איז די נאַכט.
אַ שיף קומט אויף אַף דעם טייך.
מיר שטייגן אַרויף און מיר פאָרן. —
די שטאָט און די נאַכט
פאַרשווינדן אין אַן אַנדער רייך.

ב.

מיר זיינען ווי די קאַנוען —
דער טייך איז ווייט און טיף.
ווער האָט אונדז געבראַכט און פונוואַנען ?
און ווער פירט אונדז פון דאַנען
איבער דעם טייך און דער טיף ?

מיר שווימען ווי די קאַנוען —
אין די ווייטן פאַר אונדז שווימט אַ שיף.
זי שווימט ווי אַ נעפּל. פונוואַנען ?...
און קומט אַ קלאַנג איבער דער טיף —
די ווינטן יאָגן זיך און דרייען,
די זעגלען פלאַטערן און ווייען,
און רייען ליכט — אַלייען,
זיי גייען אויף ווי פלאַמען.

מיר קומען פון דאָרט און פון דאַנען —
פאָרויס די ווייטע שיף...
פיל וועגן זיינען פאַראַנען
איבער דעם טייך און דער טיף —
מיר קומען פון דאָרט און פון דאַנען
און בלייבן וואו מיר זיינען.

די זון און שטערן שיינען.

און קומט פון ערגעצוואו
די שטילע שעה פון רו —
די ווינטן לייגן זיך, פאַרווייען,
די ליכטער לעשן זיך, פאַרגייען;
מיר רייען זיך אין רייען
און זינגען ווי די שוואַנען: —
איינאיינציקער איז פאַראַנען,
(געבענטשט זאָל זיין זיין נאָמען)
ער פירט אונדז פון דאָרט און פון דאַנען
איבער דער טיף און דעם טייך
אַוועק אין אַן אַנדער רייך.

יום־טוב

פון די הויכן, העל און בלאַנק,
וויגט זיך אום אַ גלאָקנקלאַנג.
גלעקער קלינגען גלאָקנשווער,
וויגן זיך אַהין, אַהער.

קלינגען גלעקער — אײַלט מען שנעל
דאָ און דאָרט, פון שוועל צו שוועל,
דער אַהין און דער אַהער,
נאָך די קלאַנגען בלאַנק און שווער.

דער אַהער און דער אַהין —
קיינער ווייסט נישט וואוּאַהין...
וויגט מען זיך אַזוי אַרום
אין די גאַסן בונט און שטום,

ביז די גאַסן, געל און גרוי,
און די טורעמס אין דער בלוי,
וויגן זיך אין פרייד און שײַן,
וויגן זיך אין קלאַנגען אײַן.

דאָס ליד פון דעם גאָלדענעם סופּזומער

גאָלדענע סופּזומער טעג,
זאָגט, וואוהין גייט איר אַוועק?

אין די פעלדער, ווי פּאַלאַצן,
סטויגן תבואות — ניט צו שאַצן.

בונטער ווײַנרעב — די פּאַרקאַנען,
און פון וואַלד — דער דופט פון טאַנען.

הערטן הויערן אין די טאָלן,
און די הויכע מילן מאָלען.

גענדז און הינער — פולע הויפן,
סוחרים קויפן און פּאַרקויפן.

פריי פון זאָרגן און פון טרויער —
סאַראַ שפע איצט באַם פּויער...

גאָלדענע סופּזומער טעג,
קוים גייט איר אין וועג אַוועק —

גראָז און בלעטער — גאָלד און געל —
וועלקן אָפּ אַף גאָטס באַפעל.

ביימער — ריטלעך און נישט מער,
שטאַרן שטום אַהין, אַהער.

און דער ווינטער — קעלט און פראָסט,
אָטאָ ברענט עס, אָטאָ — לאָזט.

שאַרפע ווינטן — בלוי און גרין,
ווייען שנייען שטעכיקדין.

און אין וועלדער — האַק און זעג,
האַקן, הילכן גאַנצע טעג.

אַך, איר גאָלדענע סופּזומער טעג,
זאָגט, וואוהין גייט איר אַוועק?

INDIAN SUMMER

I

איצט בליט דער הערבסט. —
מיטן מאָרגנרויט
גייעןביימער אויף
קופּעררויט און בראָנזטונקל —
שטייען און בליִען ביז עס בלויט די נאַכט.

בונטע צווייגן קאָרטשען זיך
ווי בלעטלעך פון אַ האַלבפאַרמאַכט
און האַלבצעעפנטער רויז.

דאָס זיינען טעג
פון לויטער זון און גאָלד.
ווי אַ שווערער באַל פון בראָנז און קופּער
ראָלט אַוועק דער טאָג.

פון בערג און טאָלן פאַלן רייפע פאַרבן
ווי בונטע שלייערן.
פאַר די שטאַלן און פאַר די סטויגן אין פעלד
רוען הערטן —
ווייסע און געפּלעקטע.

הערבסטפייערן
גייען אויף אַף באַרג און פעלד.

פאַר די שייערן
ליגן לעצטע גאַרבן.

די נאַרבן פון די פלאַכן,
די שפּאַלטן פון די בערג
ווערן פאַרביקער און טיפער,
שפּיציקער ווערן די הויכן און היגלען.

קוואַלן און פאַלן
ריזלען גערעגלטער,
רואיקער פליסן
די טייכן דורך דער פלאַך.

דאָבוש רייט אום אין פעלד
און היט זיין רויב.

איבער די בערג
גייען וואָלקן אויף ווי רייטער ;
און דו, אָ דו גייסט אויף
אין אַלע פאַרבן
פון הערבסט.

איך וועל לויטער לידער —
פריילעכע און טרויעריקע
אין דיר, מיין נשמה.

II.

ווען דו וואָלסט איצט געקומען. —
דער בליענדיקער הערבסט
בליט ווי וויין באַ מיר אין בלוט.

אין מיינע טריט און פּיס
רוט זיס אַ דאָרשטיקייט נאָך דיר.

די קוסטעס זיינען באַהאַנגען
מיט ווילדע רויטע יאַגעדעס —
רויטע קרעלן אַרום דיין האַלדז און ברוסט.

קוסטעס מיט העלע רויטע קאַלינעס
אָטעמען ווי דו וואָלסט אומגעגאַנגען צווישן זיי.

פאַר מיינע נאָזפליגל אָטעמט דער ווינט
מיטן דופט פון מאַלינעס
און מיטן דופט פון דיין לייב. —

ווי לאַנג דאָס איז אַוועק שוין און פאַרגאַנגען.

דאָס ליד פֿון דעם רייך אַף יענער זייט טייך

איבער דעם פעלד, אַף יענער זייט טייך,
ליגט דאָס וואונדערלעכע רייך.

קומען אידן צו פאָרן אַמאָל
איבער באַרג און טייך און טאָל
פונם רייך אַף יענער זייט טייך.

טראָגן זיי פוטערס, סויבלנע היט,
גלאַנציקע שיך מיט קנעפלעך אין מיט,
ווי אין רייך אַף יענער זייט טייך.

הענטשקעס מיט שלעסלעך, רעקלעך מיט שליץ,
רייכערן מיט אַ ציגאַרשפּיץ,
ווי אין רייך אַף יענער זייט טייך.

גייען באַקוקן דעם וואַלד און דאָס פעלד;
רעדען פון עפּעס אַן אַנדערער וועלט —
פונם רייך אַף יענער זייט טייך.

און זיי שפּאַצירן באַנאַכט אַזוי שפּעט,
און זיי דערציילן פון וואונדערשטעט
אין רייך אַף יענער זייט טייך.

הייזער און טורעמס ביזן הימל די הויך,
און איבער זיי שטענדיק נעפּל און רויך —
אין רייך אַף יענער זייט טייך.

און אין דער הייך און אונטער דער ערד
שטרעקעס פאַר באַנען, געשפּאַנען און פערד —
אין רייך אַף יענער זייט טייך.

און ווי סע קומט נאָר דער אָוונט צו גיין,
צינדן לאַמטערן אין גאַס זיך אַליין —
אין רייך אַף יענער זייט טייך.

מע גיט נאָר אַ דריק אַזאַ קנעפּל — און באַלד —
לייכטן אוף ליכט און לאַמטערן — אַ וואַלד —
אין רייך אַף יענער זייט טייך.

און אַזוי רעדן זיי, רעדן ביז שפעט,
און זיי דערציילן, אַז אין די שטעט
פונם רייך אַף יענער זייט טייך,

לעבט מען באַטאָג און באַנאַכט נאָכאַנאַנד,
און אַז דערפון ווערט רייכער דאָס לאַנד —
דאָס רייך אַף יענער זייט טייך.

און אַז זיי פּלאַנען איצט בויען אַדאָ
אויך אַזאַ שטאָט אין אַ גליקלעכער שעה —
ווי אין רייך אַף יענער זייט טייך.

דאָס צווייטע ליד פון דעם רייך אַף יענער זייט טייך

פון יענער זייט טייך און איבער די לאַנען
זייבען געקומען לאַקירטע געשפּאַנען.
דאָס זיינען סוחרים געקומען צו פאָרן
איבער די לאַנען פון ווייץ און פון קאָרן;
איבער די פעלדער און איבער די בייטן —
אידן מיט גילדערנע זייגערס און קייטן;
און אַף די פינגער דימענטענע רינגען.
עך, אַז עס האָבן די גלעקער געקלונגען,
און אַז עס האָבן די בייטשן געקנאַלט,
האָט עס געהילכט אַזש טיף אין דעם וואַלד.

דאָס זיינען סוחרים געקומען צו פאָרן
איבער די לאַנען פון ווייץ און פון קאָרן.
האָבן די גויים דערהערט, אַז געשפּאַנען
זייבען געקומען מיט אידישע „פּאַנען"
האָבן זיי געלאָזן די שטאַלן, די הויפן,
די האַק און דעם אַקער, און געקומען צו לויפן.

האָבן פאַרנייגט זיך פאַר יעדן באַזונדער,
האָבן געקוקט ווי אַף עפּעס אַ וואונדער,
האָבן אַף וואָר אָט די זעאונג דערזען,
וואָס איז ביז איצט אַ חלום געווען.

עך, סאַראַ סוחרים אין די געשפּאַנען!
און ווי דאָס קוקט עפּעס ווי ניט פונדאַנען...
האָבן געבראַכט מיט זיך „מענטשן" צו פירן —
און אַז דאָס האָט באַלד גענומען זיך רירן:
באַקוקן די געגנט מיט לאַנגע שפּאַקטיוון,
די ערד און די שטיינער און ביימער אויספּריוון,
געמאָסטן מיט כּל'ערליי „מאָדנע" געצייגן
און פאַר סימנים אַריינגעשטעקט צווייגן.
האָבן געמאָסטן, געצייכנט דריי טעג
און זיינען נאָכדעם צוריק וואו אַוועק.

דאָס ליד פון די יונגע פישעריונגען

פאָרן יונגע פישער פישן
אין די טיפע טיפענישן,
בלוי דער הימל, יאַמען — שטיל,
פאָרן פישער ווי צום שפּיל
פישן.

און די טיפן פון די יאַמען
אייביק לאָדערן ווי פלאַמען;
וואַקסט אַ ווילדער שטורעם אויס
אין דעם טונקלטיפן שויס
פון די יאַמען.

וואַקסט דער שטורעם פון די טיפן
איבער אַלע פעלזנריפן;
וואַקסט און שטורעמט, ברומט און שפּילט
איבער כוואַליעס ווייט און ווילד,
איבער פישערשיפן.

נאָר די יונגע פישער פישן
אין די טיפע טיפענישן,
ווייל דער שטורעם און דער ים
האָט פאַר זיי קיין ברעג, קיין צאַם.

ווייל דעם פישער ציען יאַמען
ווי דעם שמעטערלינג די פלאַמען.
עך, וואָס אַרט זיי שטורעם, ווינט,
און באַם ברעג אַ ווייב, אַ קינד...

און וואָס אַרט זיי, אַז די טיפן
וועלן איינשלינגען די שיפן,
אַז די טיפע טיפעניש
האָט אין זיך אַזוי פיל פיש.

און זיי פישן מער און מערער,
ביז די שיפן ווערן שווערער;
ביז די שיפן פול מיט פיש
זינקען אין דער טיפעניש.

ליכטיקייט

איצט ווערט עס נאַכט.
ווי אַ זיבנמייליקער שאָטן
הייבט ער זיך אויף אין דער הייך
איבער דער הויך,
און פאַרשאָטנט די שטאָט.
ווי אַ ביקס אין זיין אָרעם,
האַלט ער אַ פאַקל
איבער דער הויך פון זיין קאָפּ.

איצט ווערט עס נאַכט.
און ער מיט זיין פאַקל אין אָרעם
נעמט צינדן לאַמטערן און ליכט
פון די ברעגן פון האָדסאָן
ביז די ברעגן פון מזרח-טייך;
אַף דער אומענדלעכער לענג פון בראָדוויי
צינדט ער אויף מיטאַמאָל
פאָנטאַנען פון ליכט.
ברידער!
ברידער, קומט לאָמיר אַרויסגיין
אין ליכט פון זיין שאָטן
איבער דער ליכטיקער שטאָט.

פאַרגענגלעכקייט

א.

מיר האָבן נאָך קיין איינציק קנייטשל נישט אף דעם געזיכט.
קלייבסט פערלמוטער מושלען, און דו שפּילסט זיך
ווי אַ קינד.
דורך דיינע פינגער זיפּסטו זאַמד און לאָזסט עס מיטן ווינט.
און פון די טיפע מושלען רוישיק רוישט אַרויס דער
רויש פון ים;
פאַר אונז ליגט אָפן נאָך די וועלט, אונז שטערט
נאָך נישט קיין צאַם.
נאָר שווערער איז דער טראָט, דאָס וואָרט איז שטיל,
האָט מער געוויכט,
און פאַר די אויגן לייכט אונז טיפער, רואיקער דאָס ליכט —
מיר האָבן נאָך קיין איינציק קנייטשל נישט אַף דעם געזיכט.

ב.

איצט ווערט עס נאַכט. און איך אַ מאַטער, מידער,
איך רו אַ רואיקער געמיטלעך באַ דיין זייט.
דו רעדסט. איך הער זיך צו. און כ׳הער ווי ס׳גייט די צייט.
דו רעדסט. דאָס זיינען נישט קיין רייד, נאָר ווי פון ווייט
דער ווייטער ווידערקלאַנג פון בענקענדיקע לידער.

איך בייג מיין קאָפּ אַלץ נידעריקער נידער.
און די לבנה ווי אַ סערפּ פון שאַרפן שטאָל,
זי הענגט הויך איבער אונדז און שאַרף נאָך ווי אַמאָל.
נאָר דיינע רייד — דער ווייטער ווידערקלאַנג פון לידער,
און מאַטע, מידע — מיינע מאַטע, מידע גלידער.

פרייד

אָוונט, ליכט און שאָטנס,
שטילע טריט און רייד.
מיט די ליכט און שאָטנס,
קומט מיין אָוונטפרייד.

ווי אַ ווייסער נעפּל
גייט זי אום אין הויז,
און אין יעדן ווינקל
איז מיין ווייסע אויס.

אַף מיין ווייב און קינדער
לאָזט זי זיך אַראָפּ;
אַף מיין ווייב און קינדער
רוט מיין בליק זיך אָפּ.

רו

די גאַס איז און שמאָל עבר נעפּלפאַס,
וואָס שלעפּט זיך איבער דער הייך פון גאַס.
דער שטיין איז האַרט, און האַרט איז יעדע טרעפּ פון הויז,
דאָך פאַר דעם מידן זעט אַ טרעפּ פון הויז באַקוועם
אויך אויס —
איך צי זיך אויס.

דער שמאָלער פּאַס פון נעפּל אין דער הויך פון גאַס
ווערט ברייטער אויסגעברייטערט, בלייך און בלאַס,
די שטערן לייכטן אויף, און אַף די טרעפּ,
אַראָפּ, אַרויף, פון קליינע פּרויענטריט די לייכטע קלעפּ —
אָ ליכטיקע נשמה.

אין וואַגאָן

ווען יעדער האָט זיין זיצאָרט אין וואַגאָן פאַרנומען,
און נאָר פּאַר איינעם האָט אַ זיך נאָך אויסגעפּעלט,
האָט ער אין דורכגאַנג פון וואַגאָן זיך אָפּגעשטעלט,
און לאַנגזאַם האָט דער צוג באַלד רירן זיך גענומען.

די רייד, זיי האָבן ביסלעכווייז גענומען ווייט פאַרשטאַרבן
אין שנעלן רעדער־רויש, אין פייפן און אין זשומען;
אַ שטילקייט טיף און שווער איז איבער אַלעמען געקומען
און האָט גענומען טיפער דריקן אַף דעם שאַרבן.

כאָך דער אין מיט האָט זיינע פיס אַזוי צעשטעלט,
באַפעסטיקט זיך אַף זיי, און מיט די הענט האָט ער אַזוי
די אָנלענען פון ביידע זייטן זיצן אָנגענומען,
אַז זיין פינפשפיציקייט: (דער קאָפּ, די הענט, די פיס),
איז פאַר די שמאָלע, מידע אויגן אופגעקומען,
ווי ס׳קומט אַ שטערן אוף איבער אַן איינזאַמען פעלד.

דאָס געזאַנג פון רו

די קלויסטערגלאָקן קלינגען,
עס זינקט די נאַכט צו רו;
די גלאָקנקלאַנגענרינגען
דרינגען דורך יעדער רו,
און טייך און פעלד נעמט זינגען,
אַ זינגען און אַ קלינגען,
ווען ס׳פאַלט דער אָוונט צו.

די גענדז און שוואַנען שווימען
איבער דעם ווייסן טייך;
זיי קומען און פאַרשווימען
ווייט צו אַן אַנדער רייך.
אַ געזאַנג פון טויזנט שטימען
קומט דורך דער רו צו שווימען
ווי פון אַ ווייטן רייך.

דער ווינט זינגט דורך די צווייגן,
אין מיר זינגט זיסע רו;
ס׳בעמט זינגען יעדעס שווייגן,
די נאַכט — אין יעדער רו.
דאָס זומגעזאַנג נעמט שטייגן,
ס׳נעמט זינגען יעדעס שווייגן,
ווען ס׳פאַלט דער אָוונט צו.

פאַרוואַנדלונג

אַ קלאַנג און אַ וואָרט —
און איך בין דערהויבן,
פאַרשוואונדן דאָס אָרט,
די האָפנונג, דער גלויבן.

אַן אָפענער לאַן
מיט טאָלן, מיט טייכן ;
אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן —
אויף דאָס נעמט פאַרווייכן.

אַ מאַן ווי אַ ריז
וואַקסט אויס פאַר די אויגן,
זיין באָרד ביז די פיס,
און בלויע די אויגן. —

אַ קלאַנג און אַ וואָרט —
מסתם אַזאַ צייכן —

וואַקסט אויס אַפן אָרט
אַ שלאָס ביז די הויכן.

מיט דימענט שטאָט גלאָז,
מיט גאָלד אָנשטאָט אַייזן;
עס נעמן באַם שלאָס
באַדינער זיך ווייזן...

אַ קלאַנג נאָך אַ קלאַנג —
שוין ווידער אַ סימן —
מיט אַמאָל אַ געזאַנג
פון טויזנטער שטימען.

איך ווער אַזוי לייכט —
אַ קלאַנג פון געזאַנגען;
און אַלץ האָט פאַרווייכט,
עס בלייבן נאָר קלאַנגען:

אַ קלאַנג מיין געמיט —
אַ קלאַנג איבער יאַמען —
איך בין און בין ניט,
און בין אַלץ צוזאַמען.

ווייסער רייטער

ווייסער רייטער דורך דער וועלט,
טראָג מיך ווילד פון פעלד צו פעלד,
טראָג מיך ווילדער אין גאַלאָפּ,
שטעל אינערגעץ זיך נישט אָפּ.

ווייסער רייטער, ווייסע פרייד,
זע, פאַר אונז איז אַלץ פאַרשפּרייט:
דורך די בערג און דורך דער בלוי
איז צו פליען וואויל אַזוי.

ווייסער רייטער, פלי, מיין פרייד,
ווי וועט זיין פאַר זאַלבעצווייט,
קוים האָסטו זיך אָפּגעשטעלט —
שטעלט זיך אָפּ מיין גאַנצע וועלט.

פערזן

א״ש
(צו [redacted] פסאַלמען)

I

וװי שאָטנס שלײכן זיי זיך אַף דעם וועג
צו איינציקע פאַרביי. און ווי אַ פלעק
פון רויט אַף רויטן זייד, אַזוי פאַרציט
זיך אומרו אַף מיין רולאָזן געמיט.

II

מיר בעטן: פיר שוין, פיר אונדז צו דיין שוועל,
דעם וועג פאַר אונדז מאַך גלייך, מאַך לייכט און העל:
מיר קומען קניען פאַר דיין אָנגעזיכט
דאָרט אופצוגיין דערלייטערט אין דיין ליכט.

III

לייכט אוף פאַר אונדז, לייכט אוף אין גלאַנץ און פראַכט,
ווי ס'לייכט פאַר שמעטערלינגען אוף אַ ליכט באַנאַכט;
ווי שמעטערלינגען פאַר דעם ברענענדיקן ליכט
לאָז פאַלן אונדז דערלייטערטע פאַר דיין געזיכט.

IV

מיר גייען: און דאָ אינמיטן וועג און גאַנג
אַ פֿאַרבנשטרוימיקער פֿאָנטאַן פֿון ליכט
האָט העל אַ שלאָג געטון אונדז אין געזיכט. —

V

די שפּיצן פֿון דיביימער באַ דעם וועג,
די וועלדער און די בערג פֿון ברעג צו ברעג,
אַנטקעגן אונדז און אומגעריכט
זיך האָבן אויפֿגעצונדן מיט אַ העליש ליכט.

VI

דער נביא זאָגט:
איך בין געווען דאָ, ווען ס׳איז גאָרנישט נאָך
געווען. איך בין געווען, ווען אונטערן יאָך
פֿון זיין באַפֿעל האָט אַלץ זיך שוין געדרייט;
און איך בין ווידער דאָ, דעם יאָך פֿון זיין
צו העלפֿן טראָגן אין דער אייביקייט
אַריין.

I

נאָך איידער ס׳איז מיין פריינד אַוועקגעגאַנגען —
עס האָבן נאָך פאַר מיר געאָטעמט זיינע רייד,
אַז ערשט פאַר מיין געהער איז אויפגעגאַנגען
דאָס זינגעוודיקע שאַרן פון אַיין קלייד.

II

כ׳האָב נאָך געזוכט באַשייד אין יענע ווערטער,
וואָס מיין אַוועקגעגאַנגענער פריינד האָט ערשט גערעדט,
געוואָלט האָב איך דערגיין, וואָס מיין באַגערטער
האָט מיט קיין רייד און ווערטער ניט דערגרעדט.

III

אַף מיינע ברעמען איז נאָך זיין בליק געהאַנגען,
און איבער מיינע אויגן האָט נאָך זיין וואָרט געברענט,
ווען מיינע חושים האָבן אויפגעפאַנגען
די וואַרימקייט פון דיינע זינגעוודיקע הענט.

IV

פאַר׳ן פענסטער האָט לבנה אויפגעלויכטן,
דער שיין האָט זיך געשפרייט אַף דיל און וואַנט,
אַז אין מיין אינגעווייד מיין האַרץ האָט אויפגעלויכטן
ווי אַ צעגליטע קויל אין אַ פאַרמאַכטער האַנט.

V

אין דרויסן האָט די נאַכט געגומען גראָען,
כ׳האָב קוים פאַרנומען נאָך זיין שווינדענדיקן טראָט,
אַז אויפגעטויכט האָסטו פאַר מיר מיט נייע שאָען
פאַרשאָטנטע אַלייען זינגען דורך אַ סאָד.

VI

און נאָכדעם — לאַנגע קאָריאָרן, טירן, שוועלן,
און צימערן — אַ גאַנצער לאַבירינט,
און כלים און געשירן שימערן און העלן
און אין די הויכע פאָרהאַנגען שפילט דער ווינט.

VII

דו גייסט מיט מיר פון שוועל צו שוועל. די דילן
גליטשן זיך אונטער אונזערע טריט,
די דילן גליטשן זיך אונטער אונזערע טריט און קילן,
אַז דו, מיין זינגעוודיקער, אַז דו אַליין גייסט מיט.

VIII

פון שוועל צו שוועל. און וואו מיר קענען ניט אַריבער
איז דרייען מיר צוריק זיך אויס
און ווידער איבער זאַלן, צימערן און שטיבער
אַז ערשט — אויך דער צוריק איז אַ פאָרויס.

I

דער מאָרגן האָט בלוי־ווייסן שניי אַנטפּלעקט,
דער נעפּל האָט באַטאָג דעם שניי פאַרמעקט,
פאַרנאַכט, ווען ס׳לייכט די שטאָט אויף בונט און ברייט,
געפידלט האָט דער פראָסט מיט ווייסער פרייד.

II

דער שניי צעגייט. די וואַרימקייט פון ווינט
גייט דורך די קנאָספּנדיקע ביימער פריש און לינד,
די וואַרעמקייט פון ווינט גייט דורך די צווייגן,
און דורך מיין בלוט — נעמט אַן אומרו שטייגן.

III

דער פרילינג קומט, און ווייסער, ראָזער צוויט
באַדעקט די רונדע קאַרשנביימער, און ס׳בליט
דאָס גאַנצע פעלד מיט בלויע פיילכען אויף.

IV

פאַרנאַכט, די שאָטנס לייגן לאַנג זיך אויס,
און יעדער קאַנט, וואָס טיילט זיך שאַרף אַרויס
באַטאָג, ווערט ווייכער און צעשוואומען.

V

דער גלאָקנקלאַנג, וואָס ווערט אין רויש פון טאָג
צערונען אַף איעדן גאַסנראָג,
רופט שאַרפער, קלאַנגפולער פאַרנאַכט.

VI

איצט קומט די שטילע שעה פון רו,
אין גאַס פאַרהילכן טריט. און מידע ליכט,
זיי גייען שטילע אוף פאַר מיין געזיכט.

VII

איך בענק נאָך דיר. פון קינדרווייז אָן ביסטו
פאַר מיר דער אומרו און די רו;
דו ביסט פאַר מיר דער שיין אין וויטן וועג,
און אויך דער וועג, וואָס פירט צום שיין — ביסטו.

VIII

דיין ליבע, וואָס דו ווייזסט מיר אומעטום,
האָט מיך אַרומגעהילט ווי קאָרע הילט אַרום
דעם בוים.

IX

דו זע, צואוואָס באַטריגן זיך אַליין?
צואוואָס דורך בענקעניש צוגרונד נאָך גיין?
דו זיי זיך מודה — ווי אַ פלאַנץ אָן ליכט, אָן שיין,
אַזוי קענסטו אָן אים נישט זיין.

X

איך האָב גערעדט, גערעדט און זיי דערציילט —
דאָך נישט דערציילט מיין וויי און וואָס מיר פעלט.
און ווי נאָר כ׳האָב פאַרענדיקט, האָט אַ פרייד
אַ בלענד געטון פון מיינע נישטדערערדטע רייד.

XI

אומשולדיק בלוט וויינט אומעטום אַצינד
פון דר׳ערד אַרויס און פון דעם ווינט,
וואָס טראָגט זיך איבער אונדזער הויך אַרום.

XII

דער נביא זאָגט: ער וועט ס׳געוויין פון זיי
דערהערן, און פון זייער צער און וויי
וועט ער פאַרנעמען. זייט גרייט, זייט גרייט,
ער האָט פאַר זיי פיל פרייד נאָך אָנגעגרייט.

נפתלי

I

נפתלי, ווער רויבט דיר יעדע נאַכט די רו,
דעם שלאָף ווען ס׳קלעפּן זיך די אויגן צו?
צי זיינען דאָס די ליידן פון דיין פאָלק,
צי גאָר דער אומרו פון דער ליבע?

II

נפתלי, וואָס שרעקט אַזוי דיך אַף דיין גאַנג?
וואָס מאַכט דיך אַזוי טרויעריק און באַנג?
איז דאָס די נויט פון אַנדערע וואָס דו זעסט,
צי גאָר פון אומרו פון דער ליבע?

III

נפתלי, וואָס היטסטו זיך פון זייערע רייד?
וואָס ווערסטו רויט דערביי, וואָס — בלייך ווי טויט?
איז דאָס די ניבול־פּה דו הערסט פון זיי,
צי גאָר פון אומרו פון דער ליבע?

IV

נפתלי, וואָס פּערערסטו זיך אַזוי פרי
אין פעלד אַריין גלייך מיט דעם פּאַסטעכס קי?
איז דאָס די שיינקייט פון דעם זונענאופגאַנג,
צי גאָר דער אומרו פון דער ליבע?

V

נפתלי, פאַרוואָס פאַרמיידסטו דיינע פריינד?
מיט וואָס און וואו פאַרברענגסטו יעדן היינט?
איז דאָס די פוסטקייט פון דעם לעבן שולד,
צי גאָר דער אומרו פון דער ליבע?

VI

נפתלי, פאַרוואָס פאַרשפּעטיקסטו די צייט
פון מאָלצייט פון די גרויסע לייט?
צי זיינען שולדיק דיינע פריינד אין דעם,
צי גאָר דער אומרו פון דער ליבע?

VII

נפתלי, דו זע, פאַרוואָס איז אויסגעצערט
אַזוי דיין פּנים און פאַרגעלט ווי ערד?
איז דאָס פון פאַסטן צי פון תפלה טון,
צי גאָר פון אומרו פון דער ליבע?

VIII

נפתלי, זינט ווען פאַרנעמסטו זיך מיט תפילה טון?
זינט ווען ביסט אַ גלויביקער געוואָרן?
צי האָט דיין פֿרומקייט דיך געבראַכט צו דעם,
צי גאָר דער אומרו פון דער ליבע?

IX

נפתלי, וואָס איז דיין העלער בליק אַזוי
פאַרנעפּעלט, טרויעריק און טיף?
איז דאָס דער וועלטשמערץ, וואָס דו האָסט דערפילט,
צי גאָר דער אומרו פון דער ליבע?

X

נפתלי, זינט ווען האָט זיך אַזוי דיין מוט
געביטן? זינט ווען ביסטו דאָס אַזוי גוט?
צי האָט די חכמה דיך געבראַכט צו דעם,
צי גאָר דער אומרו פון דער ליבע?

XI

נפתלי, זינט ווען מעסטו דיין טראָט, דיין שפּאַן?
זינט ווען ביסטו אַזאַ סאָלידער מאַן?
איז דאָס דערוואַקסנקייט, פון פוילקייט אפשר,
צי גאָר דער אומרו פון דער ליבע?

XII.

נפתלי, זע נאַר, זע וואָס איז מיט דיר?
דערקענסט דאָך באַלד קיין מענש ניט אַף שפּאַציר.
איז דאָס די פּוסטקייט פון דיין גאוה,
צי גאָר דער אומרו פון דער ליבע?

XIII

נפתלי, פאַרוואָס פילסטו זיך עלנט דאָ?
פאַרוואָס פאַרווייַלסטו איינזאַם שעה נאָך שעה?
צי ווייל דו ביסט פאַרוואָגלט פון דיין היים,
צי גאָר פון אומרו פון דער ליבע?

XIV

נפתלי, ווער טרייבט פון אָרט צו אָרט דיך אום?
ווער גייט דיר נאָך און שטערט דיר אומעטום?
צי גייען דיר געשפּענסטער בייזע נאָך,
צי גאָר דער אומרו פון דער ליבע?

ראָם ליד פון נקמה

דאָס ליד פון נקמה

דו זיצסט באַם טיש, און ער אָנטקעגן דיר —
אויף דער גאַלעריע — ביי אַ קריגל ביר.
דו קאָנסט אים נישט, ער גייט דיך אויך נישט אָן.
דו קוקסט אין מיטן זאַל אַראָפּ, אין מיטן קאָן,
וואו ס׳דרייט זיך רונדאַרום אַ ראָד אין ראָד,
צום פידלערס טאַקט, געמאָסטן יעדער טראָט,
ביז אַלץ פאַרדרייט זיך אין אַ קאַראַהאָד;
דו קוקסט אַראָפּ, וואו ס׳רוישט און רעשט אַ כאָר
פון טויזנט טאַנצנדיקע יונגע פּאָר;
און טויזנט רייד און מורמלען רוישן נאָכאַנאַנד
דיר אין געהער, ווי ס׳רוישט דער הויך פון ים אין זאַמד
ביים ברעג; און טויזנט לעמפּלאַך — ראָז און גרין און געל,
און טויזנט אויגן — לעבעדיק און העל,
זיי לייכטן, כשופן און רופן איבערן זאַל
מיט טויזנט פייערלאַך פון איבעראַל. —
דו טרינקסט און קוקסט אַראָפּ. פון דאַנען זעט
דער זאַל, דער גאַנצער באַל פיל שענער אויס.
דער טאַנץ, דער רויש, די רייד, וואָס יעדער רעדט,

די קלײדער און די ליכט — אַ כּשוף בלױז,
אַ כּשוף פֿון אַ צױבערער און — גאָרנישט מער. —
און ער, דער פֿרעמדער קעגן דיר, קוקט אױך,
װי דו, אַ שװײַגנדיקער פֿון דער הױך.
דו קאָנסט אים נישט, און דאָך זײַן קוק, זײַן קער,
זײַן פֿול און בלײַך געזיכט — האָסטו געזען
שױן ערגעצװאו ; און דו ביסט זיכער אױך,
ער איז װי יענער שטאַרק געבױט און הױך,
און מערדעריש װי יענער איז געװען.
נאָר דו באַנעמסט נאָך נישט װאָס ס׳איז געשען.
דו פֿילסט נאָר האַרטע פֿױסטן — האַרט און שװער,
זײ פֿאַלן בלוטיקע אין קאָפּ, אין האַרץ ;
און װאו דו טוסט נאָר דײַן געזיכט אַ קער
איז פֿינקלען, פֿינטלען און עס שטעכן שװאַרץ —
און װײסע פֿונקטן דײנע אױגן דיר.
און נאַסע שנירלאַך — זאַלציק, קלעפּיק בלוט —
קריכן און פֿױזן פֿון דעם ראַנד פֿון הוט
ביז אונטערן קאָלנער דיר אַף אַלע פֿיר. — — —
איצט ביסטו װידער פֿרײלעך און געזונט.
קײן צײכן מער, פֿאַרהײלט איז יעדע װאונד.
דײַן האַרץ, עס האַמערט מוטיקער אַצינד,
און בלוטיקער די נערװן דײנע און — געשװינד.

און באַ דער האַנט, און נוצלעך ווען מע דאַרף.
און דיין סטילעט איז שפּיציק, דין און שאַרף,
אַ שאַרפֿן ריס אין פֿולן נאַקן טיף,
פֿון אויער ביז צו אויער, שאַרף און שיף, — —
איצט שטעק די דינע פֿינגער דיינע קרום
אַרונטער אונטערן שאַרבן קאַלט און שטום
און גיב אַ ריס — דער גאַנצער שאַרבן זאָל
זיך אופֿהייבן ביז צו די אויגן מיטאַמאָל.
איצט נעם די שטיקלאַך בלוט, וואָס אויבנאויף,
דעם מאַרך און די געהירן גלייך צונויף,
צעקוועטשט און וואַרף אין שאַרבן זיי אַריין,
וואָס זעט איצט ווי אַ בלוטיקער קיווער אויס,
און שטעל עס פֿאַר די אויגן אים אַוועק,
וואָס שטעקן בלוטיק־שפּיציקע אַרויס — —
און טו ווי דיר איז ליב און גוט, און מער
נאָך מער פֿאַר׳אַלץ, וואָס דו באַנעמסט נאָך שווער.
איצט ביסטו ווידער ווי געווען געזונט,
און שטאַרק ביסטו, פֿאַרהיילט איז יעדע וואונד
פֿון יענע שווערע קלעפּ אין קאָפּ, אין האַרץ,
און פֿון די פֿינקלדיקע פּונקטן שוואַרץ
און ווייס, וואָס האָבן דיינע אויגן דיר
געשטאָכן, וואו דו האָסט זיך נאָר געטאָן אַ ריר;

און פֿאַר דעם נאַסן שניר־לדיקן בלוט,
וואָס האָט געפּריזעט פֿון דעם ראַנד פֿון הוט
אַרונטער אונטערן האַרטן קאָלנער דיר,
ווי שוואַכע פֿליגעלאַך אַף אַלע פֿיר. —
דו טו ווי דיר איז ליב און אנגענעם,
פֿאַר אַלעמען, פֿאַר יענעם און פֿאַר דעם...
ווייל וואָס גייט דיך דען אָן דער באַל,
די שמייכלען און די בליקן אין דעם זאַל,
די רוישנדיקע מוזיק און דאָס כאָר,
די טויזנט טאַנצנדיקע יונגע פּאָר,
די טויזנט לעמפּלאַך — ראָז און גרין און געל,
די טויזנט אויגן — שמייכלענדיק און העל,
וואָס כשופֿן און רופֿן איבערן זאַל
מיט טויזנט פֿייערלאַך פֿון איבעראַל?
דער טאַנץ, דער רויש, דאָס מורמלען און די רייד,
די קליידער און די ליכט, די גאַנצע פֿרייד —
וואָס גייט עס דיך אָן, אַז דאָ אָט דער
זעט אויס ווי יענער מיט אַיעדן קער
און קוק? — דערצו ביסטו דאָך זיכער אויך,
ער איז ווי יענער שטאַרק געבויט און הויך,
און מערדעריש ווי יענער איז געווען,
כאָטש דו האָסט נאָך קיינמאָל נישט געזען.

ANNO 1919

עקסטראַס, עקסטראַס, עקסטראַס,
עקסטראַס צוויי מאָל אין אַ טאָג,
עקסטראַס —
שחיטות און פּאָגראָמען,
קינדער, אידן, מיידלעך, פרויען —
בריסט און בערד...
בריסט און בערד
מישן זיך צונויף.
און פינטלען מיר פאַר מיינע אויגן.
מיין טאַטעס באָרד, מיין זיידעס באָרד,
די בלאָנדע באָרד פון אונדזער שכן
רב יאַנקל שטיינבערג —
מישן זיך צונויף
און פינטלען מיר פאַר מיינע אויגן.
— — — — — — — — — — — — — —

אויף יעדן ראָג פון גאַס
אַ שייגעץ מיט אַ שיקסע
מיט גראָבע בלייכע פּנימער.
שיקסעס אין קליידער זיידענע, באַטיסטענע.

וואָס הענגען אף זיי ווי אַף שטעקענעס ;
שקצים — אין טאַנדעטנע בלויע אנצוגן.
מיט גרויסע, גראָבע, שוואַרצע פינגער,
צעגעסענע פון אַרבעט אין אַן אייזן-גיסעריי, —
שטייען מיט פושקעס אין די הענט.
מיט בענדער — קווער איבער דער ברוסט : —
„הילף פאַר פוילישע מלחמה-ליידנדע."
און אַף די בענדער אַף דער ברוסט,
און אַף די פושקעס אין די הענט
אַן אָדלער מיט צעשפּרייטע פליגל
אַף אַן אַקס מיט רעדער צוויי.
איך שפּיי אויס —
פאַר משוגענע און בייזע הינט
אַ קללה פון מיין האַרצן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס פאָרן אַף אַן אָמניבוס אַף פיפטער עוועניו,
דער לייכטער רויש פון טויזנטער אויטאָמאָבילן,
די לייכטע בונטקייט פון היט און קליידער
אַף דעם טראָטואַר פון פיפטער עוועניו
מאַכט לייכטער, פריילעכער מיין שווער געמיט.
און נאָכדעם ערשט —
די הייזער און געביידעס אַף ריווערסייד,

דער ברייטער האָדסאָן און די שיפֿן,
דער שמאָלער גאָרטן אַף דעם ברעג פֿון ריווערסייד,
דער פּאַליסאַדן-גאָרטן אַף אַ באַרג פֿון צווייטן ברעג
פֿון האָדסאָן
מאַכט לייכטער, פֿרייליכער מיין שווער געמיט.
און פּלוצים —
עקסטראַס, עקסטראַס, עקסטראַס,
שחיטות און פּאָגראָמען,
אידן, קינדער, פֿרויען,
בריסט און בערד.
בריסט און בערד
מישן זיך צונויף
און פֿינטלען מיר פֿאַר מיינע אויגן.
מיין טאַטעס באָרד, מיין זיידעס באָרד,
די בלאָנדע באָרד פֿון אונדזער שכן
רב יאַנקל שטיינבערג
מישן זיך צונויף
און פֿינטלען מיר פֿאַר מיינע אויגן.
און ווידער —
שקצים און שיקסעס
מיט ברייטע, בלייכע פּנימער;
שיקסעס אין קליידער זיידענע, באַטיסטענע,

וואָס הענגען אַף זיי ווי אַף שטעקענעס ;
בלייבע —
פון וואַשן טאָג און נאַכט געשירן
אין אַ כשר־רעסטאָראַנט,
צי פון אַרומשלעפן זיך דורך נעכט
אַף „פּערצנטער“ און דריטער עוועניו...
שקצים אין טאַנדעטנע בלויע אנצוגן,
ברייטע, בלייכע,
מיט גראָבע, גרויסע, שוואַרצע פינגער,
צעגעסענע פון אַרבעט אין אַן אייזן־גיסעריי.
שקצים און שיקסעס,
וואָס קענען ניט אפילו
אַהיימשרייבן אַ גרוס צו פאָטער־מוטער,
און וואָס לייגן דאָ צונויף אַ טאָלער צו אַ טאָלער
אַהיימצופאָרן צו די אייגענע,
און צו דעם שטיקל בלאָטיק־פעלד אין פּוילן,
אַרבעטן און פּרוכפּערן זיך אין אייגענעם לאַנד,
טרינקען און שיכורן,
מאַכן שחיטות
אַף דעם איד
און גיין אין קלויסטער
זיך מתודה זיין פאַר גאָט.

עס טרעפט

עס טרעפט: דו רעדסט מיט איינעם אויג אַף אויג,
דו הערסט אויס יעדעס וואָרט, און יעדן בייג
און קנייטש און בייג, וואָס יענער מאַכט און טוט,
באַמערקסטו שאַרף מיט יעדן נערוו און בלוט.
און מיטאַמאָל ווערט ניט זיין וואָרט, זיין קול —
כאָטש ס׳שטעכט דיין גאַנצער בליק אים דורך ווי שטאָל,
אַזוי קוקסטו אים גלייך און טיף אַריין
אין אויג, וואָס גלאַנצט אַנטקעגן מיט אַ שיין.
דו ענטפערסט אויך מיט אַן „אַזוי" און „יאָ",
„אַהאַ" און „נו"; דערצו ווער ווייסט נאָך, ווער,
ס׳אַ מינע דיין געזיכט באַקומט דערביי,
ווייל טויב צו יעדן וואָרט איז דיין געהער,
ווי איך האָב פריער שוין דערמאָנט אַדאָ... —
דו זעסט נאָר דאַן, ווי יענער קעגן דיר
ווערט קליין און קלענער אַלץ און לייכט און פריי —
אַ מענטשעלע פון פאַרביקן פאַפּיר.

איִם הייבסטו נאָכדעם מיִט צוויי פיִנגער אוּף
אוּן שטעלסט איִם אַף דיין דלאָניע זיִך אַרוּף ;
דו וואַרפסט איִם, ווי אַ קנייִלכל, איִן דער הויִך,
דו האָפּקעסט איִם אוּן לאָזסט איִם טאַנצן אויִך —
אוּן אַף דיין דלאָניע אַליִן, — אַזוי ווערט ער
אַ שפּיִלכל פוּן דיין נערוו אוּן בליִק. נאָך מער :
גיִסט איִם אַ בלאָז אַוועק אוּן דו ווערסט פריי...
נאָר יענער קעגן דיִר, ער ווייסט דאָך ניִט,
וואָס איִן דיין נערוו אוּן בלוּט האָט זיִך צעגליִט,
לעבט אוּף באַלד איִן זיין גאַנצער גרויִס אַפּסניי.

דאָס ליד פון דאָבוש

דאָס ליד פון דאָבוש

פון שטויב און מיסט האָט ער זיך אופגעהויבן —
אַ גוף מיט הענט און פיס ווי ווילדע שטאַמען,
און ווי באַ פאַנען האָריקע, מיט פינגער־קאַמען,
מיט אויגן האָפּערדיקע און מיט לויטער גלויבן,
וואָס נייגן זיך און פלאַמען אוף פאַר יעדנס שויבן.

ער האָט זיך קעגן קיניגן דערהויבן,
און האָט מיט ווייטע פירערטריט געגומען שפאַנען,
ביז ס׳האָבן נייע וועגן דורך די לאַנען
פון ווייטע מיטגייער געגומען שטויבן.

און די, וואָס זייבען פון דער ווייט געשטאַנען,
געגומען האָבן שווייגנדיק לעם אים זיך קלייבן;
און די, וואָס האָבן נאָך געמיינט, אַז זיי פאַרבלייבן,
זיי גייען אויבעט מיט און ווייסן נישט דורך וואַנען.

איצט שפאַנט ער דורך דער בונטקייט פון פיל טויזנט שטאַמען
מיט אויסגעשפרייטע הענט ווי עראָפּלאַנען־פליגלען,
אַריבער היגלען, פלאַכן, טאָלן, טייכן — שפּיגלען,
שטעט ריגלען אוף פאַר אים די טויער־ריגלען,
הכנעהדיק זיך נייגן פאַר אים טראָנען,
און שטאַמען נייגן זיך, ווי וועלדער פאַר ציקלאָנען,
און אַלע פאָנען פלאַטערן פאַר אים ווי פלאַמען.

דאָס צווייטע ליד פֿון דאָבוש

דער וואַלד איז גרויס, און האָט פֿיל שטילע בערג
מיט היילן און מיט קאַלטע הויכע שפּיצן —
וואָס מאַכט עס אויס אין וועלכער הייל צי באַרג —
דאָבוש וועט סאַיווייסאַי נישט רואיק בלייבן זיצן.

דער האַר פֿון דאָרף האָט שלאַנקע, שטאַרקע פֿערד,
האָט איידלע האַרנטעס און קאַוואַליערן.
דער באַרג איז גוט צו לויערן, ווען ס׳רייט
דאָס איידלפֿאָלק אַף יאַגד נאָך וועלף און בערן.

און גוט — ווען ס׳איידלפֿאָלק קערט אום פֿון יאַגד,
מיט שווערן פֿאַנג באַלאָדן גייען דינער.

---

*) „דאָס ערשטע ליד פֿון דאָבוש“ אין מיין בוך „לידער“, 94.

היי איידללייט, דאָבושן געהערט דער פאַנג פון וואַלד,
די פוקסן, פייגל, די האָזן מיט די הינער.

די דערפער און די שטעט — דעם גאַנצן פאָלק,
די הויפן און די שלעסער — פאַר די רייכע הערן ;
דאָבושן — אים געהערן שטאָט און שלאָס,
דער וואַלד, דאָס ווילד פון וואַלד : די פוקסן, וועלף
און בערן.

איך בין דער האַר פון ווילדן וואַלד און באַרג,
פון קאַלן סטעפ און פון די פעטסטע בייטן ; —
און ווען סע רייט די האַרן אף שפּאַציר אַליין —
דאָבוש רייט מיט באָם זייט זי צו באַגלייטן.

דאָבוש האָט אַלץ. האָט טיפע היילן אין די בערג,
האָט וואונדערשלעסער מיט געהיימע גאַנגען ;
מיט געלן גאָלד־געשיר און הייליקן געמעל
הויך זיינען זיינע קירכנווענט באַהאַנגען.

מיט בערנפעלן זיינען אויסגעשפּרייט
די דילן זיינע פון די לאַנגע, טונקלע זאַלן, —
און לאַנג שוין ליגן פאַר דער קליינער האַרן גרייט
די קליינע גאָלדבאַשלאָגענע סאַנדאַלן.

דאָבוש, ווי לאַנג נאָך וועסטו לויערן,
און נאָך דער קליינער איידלער האַרן גלוסטן ?
די איידללייט — עס איז בלוי דאָך זייער בלוט,
און ס׳ברענט קיין פייער נישט אין זייערע ברוסטן.

דאָבוש, די שענסטע מיידן פון די בערג,
זיי זינגען לידער דאָך פון דיר און — בענקען
די וואַרעם פון די גלידער, דאָס פייער פון די לייבער —
דאָבוש, דאָבושן אַוועקצושענקען.

דאָס דריטע ליד פון דאָבוש

דער בלויער ווינטער האָט זיך לאַנג געצויגן
איבער די ליכטיק־ווייסע רייען בערג מיט שניי;
דאָס ווייען פון די שטעכיק־דינע שנייען אין געדריי,
די ווייסע וואָלקנבערג, דער שאַרפער ווינט און ווײ —
זיי צינדן ווילד דאָבושן בלוט און אויגן.

די ווייטע רייען הורבעס שנייען ווי די סטויגן,
דאָס וואָיען פון די וועלף, דער פידלדיקער פראָסט,
וואָס שפּאַלט
די שווערע ביימער און די צווייגן אין דעם וואַלד —
זיי האָבן ווי דער בלויער ווינטער זיך געצויגן.

וואָס טוט דאָבוש דעם לאַנגן ליבן ווינטער
אין ווילדן וואַלד אַף די פאַרשנייטע בערג אַליין? —
ער חברט זיך מיט ווינט און וואָלקן; און צינדט ער

דעם האַר פון דאָרף אַ שטאָל צי שייער אונטער —
דאַן חברט ער זיך מיט דער האַרנטע אַליין.

ווער קאָן די פייערן דען איבערציילן,
וואָס ברענען אַף די בערג און גייען קיינמאָל אויס;
זיי גייען אוף ווי זיילן, פייערדיק און גרויס,
אַרוף צום הימל פון דאָבושעס היילן.

און היילן, היילן האָט דאָבוש — וואונדערווערק.
ווייל ווער אַמאָל דאָבושס אַ הייל דערגרייכן —
אומזיסט, אומזיסט זיין קלעטערן אַף הויכע בערג,
ווייל (ער קומט) נאָענט נעמט די הייל פאַרבלייכן,
און נעמט זיך מינען גאָר אַף אַנד'רע הייכן.

דאָבוש האָט פיינט די רייכע לייט, די אָרעמע לייט —
דאָך וואָלט ער ליבערשט אַלץ דעם פויערפאָלק געגעבן,
נאָר די ממונים זיינע, די רייכע איידללייט —
זיי נעמען אַלץ פאַר זיך אין וואוילטאָג צו פאַרלעבן.

זיי האָבן היטער אויסגעשטעלט אַרום דעם וואַלד,
איז פרירט דאָס פויערפאָלק דעם לאַנגן ליבן ווינטער;
דאָבוש האָט אָבער פייער ליב — איז צינדט ער
דעם ווילדן וואַלד פון אַלע עקן אונטער,

און ער אַליין, ער פליט אַרום דעם פייער־וואַלד,
און איבערן קופּערדרויטן שניי און קאַלער ערד
מיט זיבן רייען שלאַנקע פערד, ביז פערד נאָך פערד
נעמט בלוטן, בלוטן און עס פאַלט.

דאָבוש — די קליגסטע האַרן מאַכט דאָבוש צום נאַרן
און ס׳נעמט צו זיינע רויבערשטיק קיין ענדע.
דאָבוש, דער האַר פון אַלץ, ער איז ווי אַ לעגענדע,
וואָס גייט אום צווישן פאָלק און איידלע האַרן.

דאָס פערטע ליד פון דאָבוש

די מיידן און די יונגעז אין די בערג פוןווילדן וואַלד —
באַם אַקער און באַם שניט, באַם טייך און באַ די נעצן,
באַם הערט און באַם געהילך, אין חגא פאַר די געצן —
די מיידן און די יונגען געוואָרן זיינען אַלט.

זיי האָבן אין דער יוגנט — די מיידן און די יונגען —
באַם אַקער, און באַם שניט, באַם טייך און באַ די נעצן,
באַם הערט און באַם געהילך, אין חגא פאַר די געצן —
פון דעם באַנדיט דאָבוש געחלומט און געזונגען.

די מיידן און די יונגען, געוואָרן זיינען אַלט,
דאָבוש — דאָבוש אַליין, ער ווערט נישט אַלט, נישט עלטער;
ער הערשט נאָך ווי אַמאָל אַף באַרג און ווילדן וואַלד,
ער היט די יונגע פרויען און דעם וויין אין קעלטער.

ווער קען דאָבושעס יאָרן רעכענען און ציילן ? —
ער איז געוואַקסן מיט דעם וואַלד און איז מיט אים געוואָרן ;
ווער ס׳וועט די ביימער ציילן און אַף די בערג די היילן,
וועט קענען אונטערנעמען זיך צו ציילן זיינע יאָרן.

ער איז געוואַקסן מיט דעם ווילדן וואַלד צוזאַמען,
ווי ס׳וואַקסט די פּױלערוילע צוזאַמען מיט דעם שנעק ;
געקלעטערט אַף די בערג צוזאַמען מיט די שטאַמען,
גענידערט אין די טאָלן רוישיק מיט דעם שטראָם אַוועק.

ער האָט געוואָיעט מיט דעם וואָיעדיקן ווילד אין וואַלד,
וואָס ער פאַנגט לעבעדיקערהייט און טראָגט עס אַף די
שטאַנגען ;
געיאָגט זיך מיט דעם ווינט, וואָס קנוילט זיך איבער באַרג
און וואַלד,
געלויערט מיט דער שרעק, וואָס קריכט פון יעדן
פעלזנשפּאַלט
און וואַקסט אין וואַלד באַנאַכט, און לויערט אַף די גאַנגען.

און מיט דער גאָלדענער פרייד סופּזומער באַ דעם שניט
פון זאַנגען
האָט ער געפרייט זיך ; ער האָט געיאָמערט און געשפּילט,

גענאָגט זיך און געריסן מיט דער בענקשאַפט און פאַרלאַנגען ;
געזונגען און געטאַנצט די טענץ און די געזאַנגען,
און מיט דער תאווה און עקשנות, וואָס ווערן קיינמאָל נישט
געשטילט.

ער איז געוואַקסן מיט דעם ווילדן וואַלד צוזאַמען,
ווי ס׳וואַקסט די פוילערוילע צוזאַמען מיט דעם שנעק ;
געקלעטערט אַף די בערג צוזאַמען מיט די שטאַמען,
גענידערט אין די טאָלן רוישיק מיט דעם שטראָם אַוועק.

די מיידן און די יונגען געוואָרן זיינען אַלט,
איצט חלומען און זינגען זייערע אייניקלעך און קינדער
באַם אַקער און באַם שניט, באַם טייך און באַ די נעצן,
באַם הערט און באַם געהילץ, אין חגא פאַר די געצן —
פון דעם באַנדיט דאָבוש אין די בערג פון ווילדן וואַלד.

דאָס פיפטע ליד פון ראָבוש

מע האָט פון וואַלד און באַרג אַ שטאָט געמאַכט,
דעם טייך האָט מען פאַרצאַמט אין זיינע ברעגן.
איצט רוישט נישט מער קיין וואַלד איבער די וועגן,
דער טייך גראָבט טיף אין זיך ווען ס׳קומט די נאַכט.

די פייערן אַף די הויכן, די היילן אין די בערג
געוואָרן זיינען ניט. איצט שטייט אַרויפגעטורעמט
אַ שטאָט, צעקעסטלט אין קוואַדראַטן, אויסגעפורעמט
אין גאַסן, שטראָזן, עוועניוס און מערק.

פון אָנהייב זיינען פון דער ווייט געקומען
סוחרים אין בלישטשעדיקע בריטשקעס און געשפּאַנען,
מיט זייגערס און מיט קייטן ווי די פּאַנען, —
און האָבן בערג און וועלדער אויסקוקן גענומען.

זיי האָבן מיטגעבראַכט זיך מענטשן און מאַשינען,
מע האָט גענומען מעסטן די וועלדער און די לאַנען;
און גראָבן, צייכענען, און מאַכן פּלאַנען,
קאַנאַלן ציען און באַאַרבעטן די מינען.

און נאָכדעם האָט די אַלטע מיל זיך אָנגעהויבן
אָפּסניי צו דרייען. איבער טייך און טיפן
האָבן גענומען זעגלען ווייען איבער שיפן,
פון אַלע זייטן האָט דער וועג גענומען שטויבן.

פון טאָג צו טאָג האָבן אָנגעהויבן וואַקסן, ווערן
פאַבריקן, ברעטזעגן און קראָמען —
און שפּע איז געוועזן פון זיין ליבן נאָמען —
צענפאַך פאַרגעלט האָט יעדע זאַך דעם קרן.

געוואָרן זיינען גאַסן מיט ברוקירטע שטראָזן,
קוואַרטירן און טעאַטערס און האָטעלן,
און בונטע אָוונטן, וואָס רייסן זיך און העלן
איבער דער שטאָט דורך פאַרביקע ליכט און גלאָזן.

אַזוי איז דאָס געווען דער אָנהייב און דאָס ווערן —
ס'האָט יעדער טאָג געבראַכט שיפן און באַנען

מיט ווייטע פרעמדע, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען
איינער דעם צווייטנס לשון און 'באַגערן.

ס'געזאַנג אין פעלד פון בויער און פון שניטער
באַם אַקערן און פאַרבויען פריילינגצייט די ערד,
סופזומער באַ דעם שניט פון פרוכט און זאַנגען,
די ווײַנען פון די שטאַנגען — האָט אופגעהערט,
און נישט געוואָרן זיינען אַלע גיטער.

געבליבן איז דאָבוש. און אַלטע לייט
געדענקען נאָך דאָבושן מיט דער האַרן;
די פייערן אַף די בערג, וואָס פלעגן שפּאַרן
ווי זיילן דורך דער נאַכט צום בלויען ווייט;
דאָס רעווען פון דעם ווילד, וואָס ער פלעגט פאַנגען
און בראָטן לעבעדיקערהייט אַף שטאַנגען,
די ווייבער זיינע אין סאַמעט און אין זייד.

ווי לאַנג דאָס איז אַוועק שוין און פאַרגאַנגען !...

געבליבן איז דאָבוש. מיט אים צוזאַמען
איז שטאָט געוואַקסן, געדרייט און איז געוואָרן ;
געשפּאַרט זיך צו די הויכן מיט זיינע פייערן און פלאַמען,

געקלעטערט צו די בלויען מיט טויזנטיעריקע שטאַמען
געניִדערט אין די טיפן צוזאַמען מיט זיינע יאָרן.

און מיט דאָבושעס טויזנט גענג און וועגן
איז זי געגאַנגען; זי האָט אַף אַלע זייטן —
לענגאווים, ברייטאווים פאַרנומען שטרעקעס, ווייטן,
צו אַלע בערג און טייכן — א י ם געשפּאַנט אַנטקעגן.

דאָבוש — איצט וויגט ער זיך מיט׳ן ליד פון גלאָקן
אַדורך די לופטן און איבער טערעמער און שטאָקן;
ער לויערט מיט דער שרעק אין פינסטערע קאָרידאָרן,
שפּיאָנט יעדן טריט דורך די שפּאַרעס פון די שטאָרן,
און היט־אויף יעדן אין די ווינקלען פון די בלאָקן.

און דורך די מערק און סקווערן שפּאַנט ער צוזאַמען
מיט דעם, וואָס מענטשן רופן: טויט און לעבן;
ער וועבט אין פּלאָנטער פון די גאַס־געוועבן,
און יאָגט צוזאַמען מיט די באַנען און געשפּאַנען;
ער גייט מיט דער געפאַר דורך אַלע שטראָזן,
און קוקט מיט טויזנט פאַרבן דורך קאָלירטע ליכט און גלאָזן.

דאָבוש — אַוואו מע ריכט זיך נישט איז ער פאַראַנען:
אַף יעדער שמחה קומט ער אָן געריטן,

אין יעדן שטרייט — איז וואַקסט ער אוים אינמיטן,
און וואו אַ נויט איז, קומט ער אָן אין צייט.

און ווען דער שטורעם רייסט זיך איבער דעכער
און פליצט אַראָפּ אין גאַס — איז קאָן מען הערן
דאָבושן רעווען אין דעם ווינט, און דורך די לעכער
פון ברוק און שטיין — איז קאָן מען הערן דאָס געוויין
פון די פאַרשניטענע געוויקסן, וואָרצלען, וואָס יערן
און חלומען נאָך אַמאָל פון וואַקסן און פון ווערן.

פערזן

I

איצט זיינען אַלע וועגן אָפּגעמעקט,
נישטאָ מער קיין וואוהין און קיין פונוואַנען.
און שווערן נעפּל ליגן אַלע לאַנען,
און אַלע בערג, זיי ליגן איצט פאַרדעקט.

II

אַ ים פון נעפּלען. נישטאָ קיין פונקט, קיין מאָס
און נישט קיין ציל. די נעפּלען זינקען, שטייגן,
און פון אין־סוף גייט אויף אַן אייביק שווייגן,
אַן אייביק שפּיל פון נידערן און שטייגן.

III

דאָס שווייגן דריקט ווי שווערקייט אַף דער שטיל.
דאָס נידערן און שטייגן געבערט דעם ווילן,
וואָס יערט און שטאַרקט זיך אונטער אַלע שטילן.

IV

די נעפּלען רייסן זיך אַף שטיק נאָך שטיק —
עס יאָגן זיך מיט ווילדקייט האָרדעס חיות,
און ס'יאָגן זיך געפליגל גאַנצע סטאַיעס,
און לייזן זיך אין נעפּל אויף צוריק.

V

אַ ים פון נעפּלען. און פון נעפּלמיט
גייט אויף דאָבוש אַרויף פון אַלע טיפן,
פון זיינע ווילדע שטאַמען־גלידער טריפן
די שווערע נעפּלען אָפּ און ווערן ניט.

VI

זיין קאָפּ טראָגט אין די הויכע תהומען,
אַף זיינע אַקסלען וואַקסן בערג מיט שטאַמען;
פון זיינע הענט, פון זיינע פינגער־קאַמען
זיך רייסן רוישיק ריזלדיקע שטראָמען.

VII

נישטאָ קיין הויך, קיין פונקט, נישטאָ קיין בלוי
און נישט קיין הימל איבער אים. ער איז דער צייכן
פון אַלע הויכן. זיינע גלידער גרייכן
אַריבער יעדער מאָס און יעדן פונקט.

VIII

דער נביא זאָגט:

איך בין דער מיט, דער אָנהייב און דער סוף,
וואַקס אין דער טיף אַראָפּ און הייב זיך ווידער
אַרויף־צו צו דער הויך מיט מיינע שטאַמען־גלידער;
די נעפּלען וואַרעמען נאָר דאָס, וואָס יערט אין שלאָף.

פאַרצייכעניש:

דאָס ליד פון גיין און קומען

וואונדערלעך — 6
טונעלן — 7
צעגיין זיך — 8
איבערלעבעניש — 10
רעליקוויע — 12
אַ חלום פון אַ פרילינגפאַרנאַכט — 14
וועגן — 18
די עלעגיע אַפן לעבן פון דעם קלוגן חוני, א—ב — 20
אייביקייט — 24
די האַנט — 25
וואָס עס ווערט פון אונז געמינערט — 26
אַזוי וועט זיין — 27
די טויטע שטאָט — 28
פאַרן שטורעם — 30
רעגן — 30
דאָס ליד פון די אייביקע זוכער, א—ב—ג — 31
פרייהייטליד — 34
קראַנקע קינדער — 35
אין פאַרכישופטן קרייז, א—ב — 36
בריקן — 38
נייאָרק — 39
קעניגרייכן, א—ב — 42
יום־טוב — 45
דאָס ליד פון דעם גאָלדענעם סופזומער — 46
Indian Summer — 48

דאָס ליד פון דעם רייך אַף יענער זייט טייך — — — — 51
דאָס צווייטע ליד פון דעם רייך אַף יענער זייט טייך — 54
דאָס ליד פון די יונגע פירשעריונגען — — — — — — 56
ליכטיקייט — — — — — — — — — — — — — — 58
פאַרגענגלעכקייט, א—ב — — — — — — — — — — 59
פרייד — — — — — — — — — — — — — — — 61
רו — — — — — — — — — — — — — — — — 62
אין וואַגאָן — — — — — — — — — — — — — 63
דאָס געזאַנג פון רו — — — — — — — — — — 64
פאַרוואַנדלונג — — — — — — — — — — — — 65
ווייסער רייטער — — — — — — — — — — — — 67
פערזן, 1—6, 1—8, 1—12 — — — — — — — — — 68
נפתלי, 1—14 — — — — — — — — — — — — — 75

דאָס ליד פון נקמה

דאָס ליד פון נקמה — — — — — — — — — — — 80
Anno 1919 — — — — — — — — — — — — — — 84
עם טרעפט — — — — — — — — — — — — — — 88

דאָס ליד פון דאַבוש

דאָס ליד פון דאַבוש — — — — — — — — — — — 92
דאָס צווייטע ליד פון דאַבוש — — — — — — — — 93
דאָס דריטע ליד פון דאַבוש — — — — — — — — 96
דאָס פערטע ליד פון דאַבוש — — — — — — — — 99
דאָס פיפטע ליד פון דאַבוש — — — — — — — — 102
פערזן, 1—8 — — — — — — — — — — — — — 107

ל ע ו ו אַ נ ט פּ ר ע ס
54 קאַנעל סטריט
נויאָרק, נ. י.